**גוט יום טוב אלע אידן:** די חכמים העבן געזאגט אז די ספירה טעג זענען א צייט פון ארבעטן אויפ'ן מידות. דאס איז וועגן די כ"ד טויזענט תלמידים פון ר' עקיבא וואס זענען נפטר געווארן אין די טעג, ווייל "לא נהגו כבוד זה בזה." די ענין איז מרומז אין דעם ווארט "מדה", וואס איז כנגד "49", ד"ה די ספירה טעג. די פאלגענדע מעשה צייגט אז די גדלות פון גרויסע מענטשן איז זייערע מידות טובות.

אין חודש אדר תש"ה, באלד נאך דער מלחמה, איז דער סקולענער רבי ר' אליעזר זוסיה פורטוגאל זצוק"ל געוועזן אין שטאט ט'שערנעוויץ, (וואס איז אמאהל געווען א חלק פון רומעניע, אבער אס איז דעמאלטס געווען אין רוסלאנד.) אידן וואס זענען געראטאוועט ווארען פון די לאגערן און געטא'ס אין אוקריינא זענען געקומען צו ט'שערנעוויץ. כמעט אלע, אויב נישט אלע פון די אידן, זענען געווען אויסגעמוטשעט , ארעם, מיט צובראכענע הערצער.

ס'איז געווען דעמאלטס א פאר וואכען פאר פסח, אין דער סקולענער רבי האט געזארגט וועגן מצות. דער רבי האט געבעטן איינע פון זיינע חסידים, ר' פישל קערפעל, אז ער זאל גייען קויפען ווייץ, כדי צו מאלען מעהל צו מאכן מצות. מיט גרויסע שוועריגקייטן האט דער חסיד ר' פישל פארשאפט ווייץ און א מילשטיין. און באלד נאך דעם, האבן די חסידים מוראדיג פלייסיג געארבעט צו מאכן ווי מער מצות.

דער רבי האט געוויסט אז ס'געווען דעמאלטס אנדערע רבי'ס וואס האבן זיך געטראפן אין שטאט ט'שערנעוויץ. דערפאר האט דער רבי געהייסן אז די חסידים זאלן טיילן דריי מצות פאר די חשוב'ע מענטשן אין שטאט. וויבאלד ס'שטייט "מצוה לשמוע דברי חכמים" (יבמות כ.), האבן די חסידים מזרז געווען צו טיילן דער מצות פאר די רבי'ס און חשוב'ע אידן. א וואך פאַר פסח, ר' משה האגער, דער זוהן פונעם סערעט-וויזניץ רבי, רב ברוך האגער זצוק"ל, איז געגאנגן צו דעם סקולענער רבי'ן. ר' משה האט דעם רבי'ן געזאגט: "מיין טאטע האט מיך געשיקט, ווייל ער דארף מצות פאר יום טוב."

"אודאי," האט דער סקולענער רבי געזאגט, "ס'איז מיין גרעסטע כבוד עם צו געבן מצות." דער סקולענער רבי האט ארויסגענעמען דריי מצות און ער האט עס איבערגעגעבן פאר ר' משה. ר' משה האט דעם רבי געדאנקט, אבער דער אינגערמאן האט מיט גרויסע עניות געפרעגט: "מיין טאטע האט געזאגט אז ער דארף זעקס מצות."

דער סקולענער רבי האט זיך געוואונדערט און האט געפרעגט ר' משה: "ווי קען איך עם געבן זעקס מצות? עס איז אזוי שווער צו באקען מצה, און ס'דא אזוי סאך מענטשן וואס דארפן מצות. פשוט מיר האבן נישט גענוג מצות צו קענן געבן זעקס מצות פאר איין מענטש!"

"וואס קען איך טוהן?" האט ר' משה געזאגט. "מיין טאטע האט געזאגט אז איך טאר נישט ארויס גיין אן צו נעמען זעקס מצות, ס'איז אן ענין פון כיבוד אב."

"אויב אזוי האט מען נישט קיין ברירה!" האט דער סקולענער רבי געזאגט. "מ'דארף דיר געבען זעקס מצות, און ביטע וואנטש דיין טאטע אין מיין נאמען א 'כשר אין פריילעכן יום טוב.'"

ר' משה האט זיך געפרייד אויפ'ן וועג אהיים מיט די זעקס מצות אין האנט צו זיין טאטען ר' ברוך.

ערב פסח איז ר' משה צוריק געקומען צו דעם סקולענער רבי'ן מיט דריי מצות. ר' משה האט איבערגעגעבן דעם מצות צו דעם סקולענער רבי'ן, און ער האט געזאגט: "מיין טאטע האט געזאגט אז איך זאל די דריי מצות צוריק טראגען צום רבי'ן."

דער סקולענער רבי איז געווען איבערראשט, "פאר וואס ברענגסט דו יעצט די מצות צוריק? לכתחילה, האב איך געוואלט דיר געבן נאר דריי מצות. פאר וואס האט דיין טאטע געוואלט נעמען זעקס?!?"

דער אינגערמאן ר' משה האט געענפערט מוראדיק: "מיין טאטע האט דעמאלטס געזאגט אז דער סקולענער רבי איז אזא גרויסע בעל חסד אז מסתמה וועט ער אוועקגעבען אלע מצות וואס ער האט, ביז ער האט נישט קיין מצות פאר זיך! דערפאר מיין טאטע האט געבעטן די דריי איבריגע מצות כדי ער זאל קענען די מצות צוריקגעבן צו אייך פאר אייער סדרים." צום סוף איז אויסגעקומען אז דער סקולענער רבי האט גענוצט די דריי מצות פאר זיין סדר.

לאמיר ארויסנעמען פון די מעשה א געוואלדיגע מוסר השכל ווי מען דארף אייביג טראכטן וועגען יענעם. באמת דאס איז די עיקר פון מידות טובות: אייביג טראכטן וועגען יענעם.

מיר דארפן געדענקן אז אונז זענען אלע קינדער פונ'ם אייבערשטען. משל למה הדבר דומה: א טאטע האט געהאט א סאך קינדער. אויב די קינדער פירען זיך גוט איינס מיט'ן אנדערען, האט דער טאטע געגעבן גוטע זאכן פאר'ן קינדער. טאמער די קינדער זענן געווען שלעכט איינס מיט'ן אנדערען האט דער טאטע געשטראפט די קינדער, ווייל דער טאטע האט זיך מצער געווען אז זיינע קינדער פירען זיך נישט ווי ס'דארף צו זיין.

אזוי איז אס ביי אונז, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק: "בנים אתם לד' אלקיכם לא תתגודדו וכו'" (דברים יד:א) יעדע טאטע קען גוט פארשטיין די נמשל, ווייל די גרעסטע נחת איז ווען אלע קינדער פירען זיך אזוי ווי ס'דארף צו זיין מיט מדות טובות. גוט יום טוב **אלע אידן:**

מזל טוב למוה"ר אברהם פעלדמאן הי"ו לרגל שמחת ארוסי בנו יעקב יוסף נ"י בשעטומ"ץ

נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל :: לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג

(845) 362-3234